ניַיעס
# באַריכטן
תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע
בני ברק
בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
מכינה ב' | המלמדים: הר"ר יואל כץ הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו
ז' חשון תשע"ב | לך לך | גליון מס' 2

# נייער ווינטער זמן שנת תשע"ב אנגעפאנגען ב"ה מיט גרויס הצלחה

**די קינדער פון כיתה מכינה האבן שוין אנגעהויבן צו דאווענען**

שטייענדיג בלויז צוויי וואכן זינט מיר האבן אריינגעטרויטן אינעם נייעם ווינטער זמן, איז שוין מערקווערדיג אויף די קינדער שיחיו א שמחה אז זיי זענען שוין גרעסער געווארן ארויפגייענדיג פון די קינדער גארטן צו כיתה מכינה און האבן שוין בסייעתא דשמיא אנגעהויבן צו דאווענען עטליכע שטיקלעך פון תפילת שחרית, און אזוי וועלן מיר בעזהשי"ת גיין מחיל אל חיל יעדע וואך וועלן מיר מוסיף זיין נאך און נאך ביז ווען די קינדער שיחיו וועלן אי"ה קענען דאווענען אלעס געהעריג.

די וואך האבן מיר אנגעהויבן מיט די קינדער צו דאווענען מיט די ניגון "אבינו מלכנו פתח שערי שמים לתפלתינו".

דערנאך האבן מיר געזאגט מיט זיי קאפיטל כ' פון תהלים למנצח מזמור לדוד יענך ד' ביום צרה.

די קינדער האבן זייער שיין געזאגט צוזאמעןווארט ביי ווארט, עס האט אפגעהילעכט ווייט זייערע בא'חנ'טע קול תפילה.

- פתח שערי שמים לתפילתינו -

## די קינדער שיחיו האבן זייער הנאה פון די ספעציעלע האנט-ארבעט ווי פארבן וכדו'

די וואך האבן מיר געגעבן פאר די קינדער שיחיו ספעציעלע בלעטער צו פארבן אזוי ווי די עלטערן קענען זעהן ביי די האנט-ארבעט וואס מיר שיקן אהיים אויף שבת מיט די קינדער, מיר האבן געגעבן צו פארבן "קעסטלעך" כדי די קינדער זאלן זיך צוגעוויינען צו פארבן שיין און נישט ארויס גיין פון די קעסטלעך, און די קומענדיגע וואכן וועלן מיר אויך שטיין אויף דעם און געבן פארשידענע צורות צו פארבן.

מיר בעטן אז די עלטערן זאלן משתתף פעולה זיין און מעודד זיין די קינדער און זיי זאגן א גוט ווארט אז עס שיין א.א.וו. וואס דאס וועט אוודאי עפענען די קאפ פאר די קינדער און עס וועט אסאך צוגעבן פאר די התפתחות און וואוקס פונעם קינד.

## שמחת החאלאקע פון די נייע קינדער וואס זענען געווארן דריי יאר למזל טוב

פארגאנגענע מיטוואך איז פארגעקומען צוויי שמחות חאלאקע פון נייע קינדער וואס זענען געווארן דריי יאר און מ'האט זיי געמאכט פיאות בשעטו"מ. די קינדער האבן זיך די וואך באטייליגט אין די שמחת החאלאקע פון בעריש מאקאבעצקי נ"ו און פון שלמה עקשטיין נ"ו, יה"ר די עלטערן זעהלן זעהן פון זיי אסאך תענוג ונחת.

## שבת טאטע:

פון די קומענדיגע וואך וועלן מיר אי"ה יעדע וואך פרייטיג אפרעכטן א שבת טיש מיט די קינדער, ווען איינער פון די קינדער איז דער שבת טאטע, און מ'וועט זינגען מיט זיי זמירות שלום עליכם א.ד.ג. און דער שבת טאטע וועט מאכט קידוש.